NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04245

# A DENKMOL BAYM TAYKHL

Moyshe Levin

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. לעווין

# א דענקמאָל בײַם טײַכל

ב

„קינדערפֿרײַנד“,
וואַרשע 1937

נומער
16
3טער יאָרגאַנג

מוישע לעווין

# אַ דענקמאָל בײַם טײַכל

„קינדערפריינד", װאַרשע 1937

Printed in Poland

M. L E W I N

A DENKMOL BAJM TAJCHŁ

„Kinder-Frajnd", Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאנץ, מוראנאווסקע 28 ח. 25

Druk. „R e n o m a", Warszawa

אין דער אַלטער שטאָט ווילנע פליסט אַ טײַכל — די ווילענקע, אַ שמאָל שטראָמיק טײַכל. אויפֿן וועג פליסט עס דורך בלומיקע לאָנקעס, ברוינע ליימיקע בערגלעך, בלויע וועלדער, און קומענדיק אין שטאָט אַרײַן, באַלעבט עס מיטן פרישן וואַסער די אַרומיקע כאָרעווע שטילע געסלעך.

אין איינעם פון די געסלעך אויף אַ פרײַען פלאַץ, נאָענט צום טײַכל, שטייט אַ דענקמאָל. אַלע ווילנער אײַנוווינער — ייִדן, פּאָליאַקן, ליטווינער און קאַראַימער — גייען פאַרבײַ דעם דענקמאָל מיט טיפן ערנסט און אַכטונג. מיט וואַרעמע בליקן פון ליבשאַפט קוקן זיי אויפֿן דאָזיקן דענקמאָל, וואָס באַשטייט פון עטלעכע פײַן אַרומגעשליפענע שטיינער מיט בלומען באַפּוצט.

וועמען באַערט דער דענקמאָל?

נישט קיין גרויסן מענטשן, נאָר אַ קליין ייִנגל באַערט ער. אַ צוועלפיעריק פויליש ייִנגל מיטן נאָמען מיעטשיסלאַוו דאָרדזשיק.

און טאַקע מער פון אַלעמען האָבן ליב דעם דאָזיקן דענקמאָל די ווילנער קינדער: ס'איז דאָך זייערער אַ מענטש! וויפל דענקמעלער לעקאָוועד קינדער זענען בכלל פאַראַן אויף דער וועלט? שפילן זיך ווילנער

קינדער אַרום דענקמאָל גערנער ווי אויף אַנדערע פּלעצער פון שטאָט. מען שטיפט, מען זינגט, מען טאַנצט גלײַך זיי וואָלטן פריילעך געוואָלט מאַכן דעם טויטן קאַלטן דענקמאָל. און אַז כעוורע פון אַנדערע שטעט קומען אַהער צו פאָרן, פרעגן בײַ זיי די ווילנער קינ־דער:

— איר האָט שויז געזען דעם דענקמאָל בײַם טײַכל?

— וועלכן דענקמאָל?

— פון מיעטשיסלאַוו דאָרדזשיק! קומט, וועלן מיר אײַך ווײַזן!

און מיט שטאָלץ פירט מען אַוועק די געסט צום פּלעצל לעבן סאָפּיאַניקעס (אַזוי הייסט די גאַס) און מען טײַטלט מיט די פינגער אויף דעם נאָך פון דער ווײַטן און מען גייט צו נאָענט צום דענקמאָל באַטאַפּנדיק אים גלעטנדיק אים ווי ס'וואָלט געווען יעדנס אַ טײַער אייגנטום.

---

דאָס האָט פּאַסירט איז יאָר 1931, דעם 23טן אַפּ־ריל.

דער ווינטער איז אַוועק און דער פרילינג איז גע־קומען. עס האָבן זיך אַ יאָג געטאָן וואַרעמע גרינגע ווינטעלעך. ס'האָט זיך אַרויסגערוקט די זון איבערן מיטן הימל צווישן די ווײַסינקע, לײַכטינקע וואָלקנ־דלעך ווי טײַבעלעך און ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע גע־



אויף דער פאָטאָגראַפיע זעט מען דריי קינדער זיצן אויפן דענקמאָל: צוויי יידישע און איינס אַ פּוילישס.

נומען איבנטיילן אלעמען אויף דער ערד גרויסע כאַלאַקים שטראַלן. אין אָוונט פלעגן טריפן שמעקעוודיקע רעגנדלעך. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די שנייען מיטן אייז האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז שוין צייט זיך אָפּצוטראָגן. און שניי מיט אייז איז דאַן געווען גאַנצע בערג. דער שווערער ווינטער האָט באַוויזן אַ סאַך אָנצוגרייטן.

צום ערשטן איז צעגאַנגען דער שניי אויף די בערג. דאָס וואַסער האָט זיך מיט געשריי אַריינגעריסן אין די דערבייִיקע וועלדלעך, אויפגעוועקט דעם שניי, וואָס איז נאָך געשמאַק געשלאָפן אין שאָטן פון די הויכע נאָדלביימער און מען איז געמיינזאַם אַוועק צו די פעלדער. הונדערטער און טויזנטער שטראָמען און ריטשקעס זענען געפלאָסן אין דער ריכטונג צום טייך. די פויגלען האָבן זיך מיט אַ יאָנטעוודיקער צוויטשעריי געטראָגן אין דער הייך, באַקוקט, באַשמעקט דאָס האָב און גוטס, וואָס די שטראָמען וואַסער האָבן מיטגעשלעפט אויפן וועג, אַלע ווילע זיך אַראָפּגעלאָזט און אַ כאַפּ, אַ פּיק פון אַ נייעם מייכל: אַ ווערעמל, אַ סקאָרינקע, אַ צעפּוילט ניסל, אָדער גאָר אַ שפּענדל, אַ נעסט זיך אויסצובויען.

און אָט זעט זיך שוין פון דער ווייטן דער טייך — די ווילענקע.

די ווילענקע האָט זיך באַצייטנס צוגעגרייט אויפצונעמען אין אירע אָרעמס דאָס פרילינגדיקע האָב און גוטס.

קוידעם־קאָל האָט דער טײַך, איין מאָל בײַנאַכט ווען דער אײַז איז צעגאַנגען, אַרויסגעריסן פֿון די ברעגן אַ היפּש ביסל שטיינער, אָפּגעשווענקט די ליימיקע ערד און זיך צעשפּרייט אַ געלעגער הײַאַד האַמעלעך. נאָך דעם האָט דער טײַך אַרויסגעריסן פֿון גרונט נאָך אַ היפּש ביסל שטיינער און אויסגעבוירערט צענדליקער קעסלגריבער: זאָל זײַן נאָך ווייכער צו ליגן! ערשט איצט האָט ער שוין געגומען אויסקוקן אויפֿן גאַסט.

פֿליסט דאָס שנייוואַסער איין טאָג, קומט צו דעם טײַך צוויי מעטער די הייך. גיך, גיך האָט ער געפּאַטשט מיט די שוימיקע כוואַליעס ווי מיט פֿליגלען און אַ ביסל אַ צעטומלטער, אַ בייזלעכער געפֿרעגט:

— נו, עפּשער וועט שוין קלעקן הײַנטיקס מאָל?

— באַלד, — האָבן געענטפֿערט די שטראָמען — מיר וועלן מערנישט צונויפֿנעמען נאָך אַ ביסל שנייוואַסער פֿון די פֿעלדער.

פֿליסט דאָס וואַסער נאָך אַ טאָג, קומט צו דעם טײַך נאָך דרײַ מעטער די הייך, אַז ער קריכט שוין באַלד אַרויס פֿון געלעגער.

— אַנו,—שרײַט ער שוין שטאַרק אין כּעס און רוישט מיט די כוואַליעס — עפּשער וועט שוין פֿאַרט זײַן גענוג!

— באַלד, — ענטפֿערן די שטראָמען, — מיר נעמען מערנישט צונויף נאָך אַ ביסל שניי פֿון די וועלדער. און צו אונדז זאָלסטו, ליבער טײַך, גאָרנישט האָבן, אַ

שטרענגער ווינטער געווען, בערג שניי אָנגעשאָטן און איצט יאָגט אונדז די זון ווי מיט בײַטשן...

פליסט דאָס וואַסער נאָך אַ טאָג — דעם טײַך האָט געפּלאַצט דאָס געדולד. ער קאָכט און רוישט מיט די כוואַליעס — אַז עמעצער יאָם.

— העי! — שרײַט ער צו די שטראָמען — איך האָב שוין פאַר אײַך נישט מער קיין אָרט, פליסט אײַך צו אַלדי רוכעס און פּאַרטיק!

און דאָס אייביק שמאָלע טײַכל איז פון די ברעגן אַרויס.

איבער די העכערע ברעגן פון טײַך זענען צע-וואָרפן אַ גאַנצע ריי הילצערנע שטיבלעך פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן אין ווילנע. אין די טונקעלע פאַררויכערטע היימען וווינען אָרעמע מענטשן: מאַרק-הענדלער, דראָשקער און אַרבעטסלאָזע. די שמאָלינקע געסלעך און הויפן זענען שמוציקע, מיט צעבראָכענע טראָטואַרן, מיט אַן אויסגעריסענעם ברוק. הונגעריקע קעץ מיאַוקען, נישטערן אין בערג מיסט, וואָס זענען ברייטלעך צעלייגט דאָ און דאָרטן. דאָס איינציקע פאַר-געניגן פאַר די אײַנוווינער איז דער טײַך. ער באַלעבט די דאָזיקע אומעטיקע געגנט, ברענגט איר אַ גרוס פון זוניקע געגנטן, פון וועלדער, בערג און לאָנקעס.

פאַרשטייט זיך, אַז קינדער פילן זיך מיטן טײַכל

זוי מיטן בעסטן כאָוועך. אַ שמאָל טײַכל, אַ פלאַכס, אין די נידעריקע ערטער דערגרייכט דאָס וואַסער זו־מערצײַט קוים איבער די קני. קען מען זיך אין הייסע טעג פּליושקען ווי אין אַ מולטער וואַסער, פישלעך כאַפּן, פּאַפּירענע שיפלעך לאָזן, וועטנדיק זיך איינער מיטן אַנדערן, וועמעס שיפל ס׳וועט איבעריאָגן, אָדער דערגיין ביז דער ווּיליע.

נאָר איצט איז דעם טײַך נישט געווען צו דערקע־נען — אַן עמעסער יאַם!

דער זיבניעריקער כאַצקעלע איז געזעסן לעבן פענצטער. דער פענצטער איז נאָך ווינטערדיק אָנגע־טאָן אין טאָפּלטראַמען. עס איז נאָך האַרט און פעסט דער ליים, מיט וועלכן די מאַמע האָט פאַראיאָרן ווינ־טערצײַט די שפּאַלטן פאַרקלעפּט. די שײַבעלעך זענען קליינע, מיט סאַזשע פאַרצויגן פונעם צעבראָכענעם איי־וועלע, וואָס רייכערט אַ גאַנץ יאָר. אין שטוב איז איצט קיינער נישטאָ. די מאַמע איז אין מאַרק מיטן קײשל פּאָמעראַנצן. זי וועט אַזוי גיך נישט קומען. כאַצקעלע קריכט אַרויף אויפן פענצטער, מיטן אַרבל ווישט ער אויס אַ שײַבל און קוקט אויף זײַן באַליבטן טײַך און ער איז שטאָלץ: סאַראַ ברייט פון אַ טײַך, סאַראַ גע־רויש! דער גאַנצער הימל שפּיגלט זיך אָפּ אינעם וואַ־סער. איצט ווילט זיך אים בלויז פאָרן אויף דעם אין אַ גרויסער שיף, אין אַזאַ שיף, וואָס פאָרט אין יענעם

לאַנד וואָס הייסט אַמעריקע, וועגן וועלכן די מאַמע פלעגט אים דערציילן.

אָט פאָרט אויפן טײַך אַ בוים, אַ ווערבע אויסגע־צויגן אין דער גאַנצער לענג, מיט די ווײַסע וואָרצלען אַרויף. עטלעכע בעלקעס פאָרן, אַ באַליע, אַ שטרויע־נער דאַך, דער שטראָם שלעפּט עס מיט אַ ריזיקער גיכקייט. און וואָס איז דאָס? כאַצקעלע האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט: אויף אַ גרויסן קלאָץ שווימט אַ הונט אַראָפּ שטראָם. דער הונט דראַפּעט זיך מיט די לאַפּעס, פאַרלירט אַלע ווײַלע די גלײַכגעוויכט, וויל אַ שפּרונג טון צום ברעג און שרעקט זיך, בילט ער אויף דער גאַנצער וועלט...

דאָס האָט דער שטראָם אין אויבערשטן לויף פון טײַך אַראָפּגעריסן ערגעץ אַ טייל פון אַ דאָרף און איצט שלעפּט ער עס שטיקלעכווײַז.

אין דרויסן בײַם טײַך האָט זיך צונויפגעקליבן אַן אוילעם נײַגעריקע. מיט פאַרבראָכענע הענט און פאַר־צאָגטע פּענעמער זענען אַרומגעלאָפן די אײַנוווינער פון די באַדראָטע שטיבלעך. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז צוויי שטיבלעך זענען שוין פאַרגאָסן גע־וואָרן. און אין איין מינוט זענען אַלע אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט שרעק.

—אַרויסקלײַבן זיך וואָס גיכער! — האָט מען גע־שריגן — יעדע רעגע איז טײַער!

דאָס געשריי און געוויין פון די אָרעמע מענטשן

האָט פול געמאַכט דעם דרויסן. יעדער האָט גענומען אַרויסשלעפּן דאָס ביסל האָב און גוטס זײַנס און אַוועקשטעלן אויף אַ פּלאַץ ווײַט פון טײַך.

צווישן אוילעם נײַגעריקע איז געשטאַנען דער צוועלפיעריקער מיעטשיסלאַוו דאַרדזשיק. זײַנע העלע גוטמוטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף די שטראָמען פון שטײַגנדיקן טײַך. ער האָט אין געדאַנק געמאָסטן די הייך פון וואַסער און באַשלאָסן, אַז אָפּבאָדן זיך דאָ וואָלט קיין גרויסער פאַרגעניגן נישט געווען. כאָטש אַ שווימער איז ער אַ גוטער, „קלאַפּטער לייגט ער" פּונקט אַזוי גרינג ווי ער שפּילט אין פוטבאָל, וואָלט ער אָבער איצט מער כּיישעק געהאַט צו דעם לעצטן.

ער דרייט זיך אום און דערזעט, ווי די מענטשן פון געסל שלעפּן די מעבל פון זייערע הײַזלעך, דערמאָנט ער זיך זײַנע אייגענע היימישע צאָרעס: קיין פאַרפלייצונגען קומען אין זײַנע געגנטן נישט פאָר, אָבער אַנומלט האָט דער באַלעבאָס פון הויז זיי עקסמיטירט און ער, מיעטעק, מיטן טאַטן און דער מאַמען האָבן געהאַט די זעלבע צאָרעס ווי איצט די אײַנוווינער פון טײַך — מען האָט געשלעפּט די מעבל אויפן הויף.

מיעטעק איז צוגעגאַנגען צום ברעג, כּיישעק געהאַט ערגעץ אַ לאַנגען פלאָקן צו געפינען, פּרוּוון פון טײַך אַרויסציִען אַ ביסל געהילץ וואָס שווימט אויף

העפקער און עס צו דער מאַמען אוועקטראָגן.

כאַצקעלען איז דע־ווײַל נימעס געוואָרן צו שטיין אויפן פענצטער, דער טומל פון גאַס האָט אים געצויגן צו זיך, דערציילט, אַז עפּעס קומט דאָרט פאָר אויסערגעוויינלעכס, אַז די גאַנצע שטאָט קינדער פרייט זיך דאָרט, און מיט אים וועט מען זיך שפּעטער רייצן ווי מיט אַ פאַרשלאָפענעם. הייסט עס, אַז ער דאַרף זיך אײַלן. נאָר וואָס טוט מען, אַז די מאַמע האָט שטרענג אָנגעזאָגט אין שטוב זיצן און נאָך פאַר־ריגלט די טיר פון דרויסן? ער איז אַראָפּגעקראָכן פון פענצטער, גענומען די קאָטשערע פון קיך, צוגעלאָפן צום טיר, געפּרווט דורכן שפּאַלט מיט דער קאָטשערע אויפהייבן דעם פאַררוקער, ס'האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט זיך הויך צעוויינט. אַ פאַרבײַגייער דערהערט פון דרויסן, אַ קינד וויינט — ריגלט ער אָפּ די טיר:

— וואָס וויינסטו, יינגעלע?

— איך וויל אַרויסגיין — קוקט כאַצקעלע מיט צעשטראַלטע אויגן אויף דער גאַס.

— און וווּ ווילסטו גיין?

— צום טײַך...

— ניטע! צום טײַך טאָר מען נישט — האָט דער מענטש כאַצקעלען פאַרשטעלט דעם וועג. נאָר כאַצקעלע האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך יענעמס

הענט און — שוין! ער איז שוין פרײַ ווי דער טײַך. ער גייט צו אים. כאַצקעלע איז אַוועק צום פרײַען פעלד, צו די קוסטעס אַהינטער, צו רײַסן שטעקלעך. דאָרטן איז זײַן באַליבטער אָרט זומערצײַט. דאָרט פּליושקעט ער זיך אין טײַכל, פאַנגט פישלעך אין אַ פלעשל. דאָרט וועט ער זען מער פון אַלעמען און אַלע וועלן אים זען.

די אַלטע דווירע האָט געאײַלט צוריק פון מאַרק מיטן קײשל פּאָמעראַנצן. זי האָט נאָך גאָר ווייניק פאַרקויפט. ס׳וועט איר קוים קלעקן אויף אָפּצוקאָכן אַ מיטאָג פאַר איר מיט כאַצקעלען. נאָר דער מיטאָג איז איר הײַנט נישט געלעגן אין קאָפּ. ווי אַלע אײַנוווינער פון סאָפּיאַניקעס, האָט זי געטראַכט פון דער פאַרפּלייצונג וואָס לויערט. עמעס, איר שטיבעלע שטייט העכער אין געסל, דאָס וואַסער איז נאָך ווײַט, נאָר מען זאָגט, בערג שניי ליגן נאָך אויף די פעלדער און אויב אַ רעגן וועט גיין בײַנאַכט, וועט מען זיך מוזן אַרויסקלײַבן און צוריק וועט שוין דער באַלעבאָס פון הויף נישט אַרײַנלאָזן: דירע־געלט קומט אים. איז זי געלאָפן, כאַצקעלעס מוטער, דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. געקומען צו לויפן צום שטוב — שלעכט, די טיר איז אָפן און קיינער נישטאָ.

— כאַצקעלע! — רופט זי. עס ענטפערט איר דער גערויש פון טײַך. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שטי־

פער האָט נישט געקענט רויִק אײַנזיצן אין שטוב, איבערגעלאָזט אַלץ אויף העפקער און זיך אַרויסגע־ריסן. ווײַל זי איז כאַפּן און אַנלערנען, לויפט זי אַרויס אין גאַס און רופט: כאַצקעלע! קיינער ענטפערט איר נישט פון פאַרזאַמלטן עולם. דאָס מאַמע־האַרץ האָט איר שלעכטס פאָרויסגעזאָגט. ווו איז ער אַהינגע־קומען?

און כאַצקעלע פאַרקריכט אַלץ ווײַטער צווישן די קוסטעס, ווו שטראָמען וואַסער האָבן זיך שוין — אַרײַנגעריסן. ער וויל אַרויפקריכן אויף דעם בערגל, עס שטייט דאָרט אַ באַנק, וועט ער זיך זעצן און זען אַלץ און אַלעמען און אַלע וועלן אים זען.

נאָר אָט פילט ער ווי די ערד אונטער זײַנע פיס ווערט ווייך, ער גליטשט זיך אויס און — — — — — —

דער עולם אין גאַס האָט זיך מיט אַ געוואַלד אַ לאָז געטאָן צום באַרג.

— וואָס איז געשען? — האָבן שטימען געשריגן און אַנדערע האָבן געענטפערט:

— אַ קינד איז אַרײַנגעפאַלן אין טײַך!

— געוואַלד, כאַצקעלע! — שרײַט דווירעס קאָל אַריבער אַלעמען. זי שטופּט אָפּ די מענטשן, זי שטייט בײַם ברעג און זעט צווישן די ווײַסע כוואַליעס אַ ראָזן פּלעק מיט אַ גראַנאַטן וועלן גיך פאַרשווונדן אין וואַסער. כאַצקעלעס מאַנטעלע איז אַ ראָז געווען און זײַנע הייזעלעך גראַנאַט.

— גוואַלד! — שרײַט דווירעלע — ס'איז מײַן קינד! ראַטעוועט מײַן קינד!

און פון אוילעם האָט זיך אַרויסגעריסן נאָר איינער: דער צוועלפיאַריטער מיעטשיסלאַוו דאַרדזשיק. ער טוט אויס זײַן מאַנטל, דאָס היטל — אַ וואָרף אָן דר'ערד. איידער אוילעם גיט זיך נאָך אַ דריי אום, איז ער שוין אין טײַך; ער שווימט גיך און אַנטשלאָסן צו יענעם אָרט, וווּ דער יינגל איז אָקערשט פאַרשוווּנדן. די כוואַליעס רוישן אַרום אים פון אַלע זײַטן ווי רויבפייגל. מיעטעק שטויסט זיי מיטן קאָפּ און שווימט גיך, גיך. בײַם ברעג האָבן וויינענדיקע צעשראָקענע פרויען מיט די הענט די אויגן זיך פאַרשטעלט. עס האָבן גערופן קוילעס צו מיעטעקן:

— שווים צוריק! וועסט אים שוין נישט אַרויסראַטעווען!

— די פײַערלעשער דאַרף מען רופן! די וואַסערפּאָליציי!

— העי, יינגל, אַ שאָד דײַנע קויכעס, שווים צוריק!

נאָר מיעטעק האָט מיט זײַנע שלאַנקע הענט ווי מיט וועסלעס געטריבן דעם שטראָם פון זיך, אַ נורקע געמאַכט און געזוכט דעם דערטרונקענעם. עס האָט זיך געדוכט, ער באַהערשט דעם טײַך. אָבער פּלוצלונג האָט אים אַ קעסלגרוב געפאַנגען. ער קען זיך פון אָרט נישט רירן, ווי ער וואָלט געוועון צוגעוואַקסן. ער

ציט קוים דעם אָטעם. און דאָס וואַסער אַרום אים שוימט, קאָכט, דרייט זיך אין אַ ווירבלדיקן קרייז, איין מאָל האָט נאָך מיעטעק זיך אַ ריס געטאָן ווי אַ קראַנקער פויגל און פאַרשווונדן אונטערן וואַסער, אויפן זעלבן אָרט וואָס כאַצקעלע...

דאָס איז די געשיכטע פון דעם דענקמאָל בײַם טײַכל. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט דעם דענקמאָל געשטעלט פאַרן געלט, וואָס ס'האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געשאָנקען די בירגער פון שטאָט אָן אונטערשיד פון גלויבן.

און פאַרבײַלויפנדיק איצט דעם דענקמאָל, פאַר־האַלט די ווילענקע אַ רעגע איר אָטעם. זי שעמט זיך געוויס פאַר דער אַוולע, וואָס זי איז באַגאַנגען אין פרילינג פון יאָר 1931. פליעסקען די קלאָרע וואַסערן פאַרבײַ דעם דענקמאָל שטיל, מען זאָל זיי נישט באַמערקן. נאָר פון צײַט צו צײַט גיט אַ שפּרונג איבערן אויבערפלאַך פון וואַסער אַ זילבערנע פלאָטקע שעמערירט אַ רעגע אין דער לופטן מיט די שופּן, מיט די גאָלדענע אויגן, גלײַך זי וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן דענקמאָל אין דער הייך...

Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פּרײַז 30 גר. דריטער יאָרגאַנג **№ 16.** 15 CZERWCA 1937

# „Kinder-Frajnd“

DWUTYGODNIK **Wydanie B**

Adres redakcji i administracji: Warszawa I, Miła 33 m. 24.

די נאָענטסטע אויסגאַבעס דערשײַנען
אין אָקטאָבער ה. י.



מיר אַפּעלירן צו אַלע אַבאָנענטן:

שיקט גלײַך אַרײַן דעם אַבאָנאַמענט-אָפּצאָל

שטעלט אונדז נישט אין קיין שווערע לאַגע